
(57 5.12.76 פילם „קוני לעמל אין תל־אביב" מיט קורצע ישראל־פילמען.

(58 12.12.76 „קוני לעמל אין תל־אביב" מיט קורצע ישראל־פילמען.

(59 19.12.76 „קוני לעמל אין תל־אביב" מיט קורצע ישראל־פילמען.

(60 26.12.76 „קוני לעמל אין תל־אביב" מיט קורצע ישראל־פילמען.

(61 23.1.77 „קוני לעמל אין תל־אביב" מיט קורצע ישראל־פילמען.

(62 30.1.77 „קוני לעמל אין תל־אביב" מיט קורצע ישראל־פילמען.

(63 6.2.77 פילם „דער ירושלימער אַקט" מיט קורצע ישראל־פילמען.

(64 13.2.77 (4 נ.מ.) פילם „דער פידלער אויפן דאַך".

(25 4.7.76 פייערלעכע געזעגענונג, ביי געדעקטע טישן, מיטן רעזשיסער און קינסטלער יעקב ראָטבוים, פֿאַרבונדן מיט זיין 50־יאָריקער טעאַטער־טעטיקייט. מיט דער באַטייליקונג פון רחל האָלצער און געזעגענונג־רעדע פון י. שער. פֿאָרזיצער: ש. גאָלדשטיין.
(26 18.7.76 יידישער פילם „אלי־אלי״.
(27 18.7.76 סימפּאָזיום און דיסקוסיע וועגן דער קאָנפערענץ פֿאַר יידיש אין ירושלים. פֿאָרז.: ש. גאָלדשטיין.
(28 1.8.76 ישראל־פילם „דאָס הויז אויף אַלט־שטאָט״.
(29 1.8.76 אַרויסטריט פון „הזמיר״־כאָר אין די מאָנטעפיאָרע היימען.
(30 8.8.76 ישראל־פילם „דאָס הויז אויף אַלט־שטאָט״.
(31 9.8.76 אָנדענק־אָוונט פֿאַר אהרן און יאַנקע פּאַוו ע״ה.
(32 15.8.76 ישראל־פילם „דאָס הויז אויף אַלט־שטאָט״.
(33 22.8.76 ישראל־פילם „דער 81־טער קלאַפּ״.
(34 29.8.76 אָפֿענער פֿאָרום מיט דער באַטייליקונג פון הרב חיים גוטניק — „רעליגיעזע אויפֿפאַסונגען פון מאָדערנעם לעבן״; יהודה סבוראי — „מדינת ישראל, אימאַזש אָדער ווירקלעכקייט״; מייקל גאָווענדאַ — „אַ יונגער בליק אויף דעם פּראָבלעם אַסימילאַציע״. ד״ר מ. פערשטענדיק — „אין קעסל פון אַמעריקאַנער אויסערן־פּאָליטיק״. פֿאָרזיצער: י. אָרבאַך.
(35 5.9.76 פייערלעכע אויפֿנאַמע פֿאַר דעם קולטור־גאַסט, פּראָפ. עזריאל נאַקס. באַגריסונג פון י. קאהאן, און רעפעראַט פון פּראָפ. ע. נאַקס אד״ט: „די יידישע רעליגיעזע טראַדיציעס און דער מאָדערנער ייד״. פֿאָרזיצער: ש. גאָלדשטיין.
(36 12.9.76 צווייטער רעפעראַט פון פּראָפ. ע. נאַקס אד״ט: „דער משפט איבער ישו הנצרי״. פֿאָרזיצער: י. אָרבאַך.
(37 15.9.76 דריטער רעפעראַט פון פּראָפ. ע. נאַקס אד״ט: „ברוך שפינאָזאַ און זיין פילאָזאָפישע שיטה״. פֿאָרזיצער: פּרופֿ׳ ל. גאָטליב.
(38 19.9.76 פערטע לעקציע פון פּראָפ. עזריאל נאַקס: „שלום אש — דער קאָנטראָווערסאַלער שרייבער״. פֿאָרזיצער: מ. אייזענבוד.
(39 22.9.76 פינפטער רעפעראַט פון פּראָפ. ע. נאַקס אד״ט: „דער זיג פון לעבן״ (איינציקע לעקציע געהאַלטן אין ענגליש). פֿאָרז.: ש. וואָלסקי.
(40 26.9.76 ישראל־פילם „די אָדלערס גרייפן אָן״.
(41 26.9.76 זעקסטער רעפעראַט פון פּראָפ. ע. נאַקס: „ה. לייוויק — דער דיכטער פון גאולה״. פֿאָרזיצער: י. אָרבאַך.
(42 29.9.76 זיבעטער רעפעראַט פון פּראָפ. ע. נאַקס: „די גרונט־עלעמענטן פון יידישקייט ווי אַ וועלט־באַנעם״. פֿאָרזיצער: פּ. רינגעלבלום.
(43 6.10.76 אַכטער רעפעראַט פון פּראָפ. ע. נאַקס: „דער משפט איבערן יידישן מאָנאָטעאיזם — באַרצעלאָנאַ, 1263״ (דעבאַטע צווישן רמב״ן און פּאַבלאָ קריסטיאַני). פֿאָרזיצער: וו. יאַבלאָנסקי.
(44 10.10.76 ישראל־פילם „די אָדלערס גרייפן אָן״ מיט אַ צוגאָב־פילם „דער פעסטיוואַל אין ירושלים״.
(45 10.10.76 ניינטער רעפעראַט פון פּראָפ. ע. נאַקס: „יידישער הומאָר און יידישער גורל״. פֿאָרזיצער: י. שער.

## „קדימה"־אונטערנעמונגען אין 1976

1) 14.3.76 יידישער פילם „אלי־אלי".

2) 14.3.76 רעפעראַט פון ישראל־גאַסט יצחק קאָרן אד"ט: „צי איז נויטיק אַ וועלט־קאָנפערענץ פאַר יידישער קולטור אין ירושלים?" איינגעאָרדנט פון דעם געזעלשאַפטלעכן קאָמיטעט פאַרן וועלט־קאָנגרעס פון יידישער קולטור אין ירושלים. פאָרזיצער: ש. גאָלדשטיין.

3) 21.3.76 דער ערשטער וואָרט־קאָנצערט פון דעם בינע־קינסטלער יעקב ראָטבוים: „יידישער הומאָר און סאַטירע". פאָרזיצער: ש. גאָלדשטיין.

4) 28.3.76 יידישער פילם „אלי־אלי".

5) 28.3.76 רעפעראַט פון דעם גאַסט־קינסטלער יעקב ראָטבוים: „שלמה מיכאָעלס דער מענטש, ייד און גרויסער קינסטלער".

6) 30.3.76 64־טע אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון „קדימה". פאָרזיצער: ש. גאָלדשטיין.

7) 31.3.76 פייערלעכער קבלת־פנים פאַר פרוי מינאַ פינק. פאָרזיצער: ש. גאָלדשטיין.

8) 4.4.76 יידישער פילם „תקיעת־כף".

9) 11.4.76 צווייטער וואָרט־קאָנצערט פון גאַסט־קינסטלער יעקב ראָט־בוים: „אונדזער שלום־עליכם". פאָרזיצער: י. אָרבאַך.

10) 18.4.76 צווייטער רעפעראַט פון יעקב ראָטבוים: „נסים אין טעאַטער" פאָרזיצער: י. שער.

11) 26.4.76 געטאָ־אַקאַדעמיע צום אָנדענק פון 33־טן יאָרטאָג פון אויפ־שטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, פאָרגעקומען אין טאון־האָל. גאַסט־רעדנער: חיים לאַזאַר (ישראל).

12) 2.5.76 יעקב ראָטבוימס דריטער וואָרט־קאָנצערט אד"ט: „קאַמף, גבורה און ווידערשטאַנד"

13) 9.5.76 פייערלעכע פרעמיערע „די יורשים" פון שלום־עליכם, דראַ־מאַטיזירט און רעזשיסירט פון יעקב ראָטבוים, מיטן אָנטייל פון די אַרטיסטן פון דוד הערמאַן טעאַטער. אין דער הויפּט־ראָל: י. שער.

14) 12.5.76 רעפעראַט פון חיים לאַזאַר אד"ט: „פּאָליטישע און געזעל־שאַפטלעכע געשעענישן אין ישראל".

15) 16.5.76 צווייטע פאָרשטעלונג פון „די יורשים".

16) 23.5.76 דריטע פאָרשטעלונג פון „די יורשים".

17) 29.5.76 פערטע פאָרשטעלונג פון „די יורשים".

18) 30.5.76 פינפטע פאָרשטעלונג פון „די יורשים".

19) 6.6.76 זעקסטע פאָרשטעלונג פון „די יורשים".

20) 7.6.76 פייערלעכע דערעפענונג פון יעקב ראָטבוימס בילדער־אויס־שטעלונג דורך ריכטער טרעוואָר ראַפּקע.

21) 12.6.76 זיבעטע פאָרשטעלונג פון „די יורשים".

22) 20.6.76 אַכטע פאָרשטעלונג פון „די יורשים".

23) 20.6.76 אָפּשלוס פון יעקב ראָטבוימס בילדער־אויסשטעלונג.

24) 27.6.76 ניינטע פאָרשטעלונג פון „די יורשים".

## ג ע ש ט אָ ר ב ע נ ע:

מיט טיפן צער און טרויער פאַרצייכענען מיר דעם טויט פון די פאָלגנדיקע „קדימה״־מיטגלידער אין דעם באַריכט־יאָר:

פיליפּ בלאָק
אהרן פּאַוו
יאַנקע פּאַוו
יצחק רובינשטיין — רעדאַקטאָר פון די „יידישע נייעס״
י. בלעק
מ. זאַבלוד — קאָמיטעט־מיטגליד פון „קדימה״
אברהם פּאַט
שמואל קרום

כבוד זייער אָנדענק!

אין דער „קדימה". דער נישט געשריבענער געזעץ, אַז יעדער מיטגליד פון דער „קדימה"־ביבליאָטעק דאַרף זיין אַ מיטגליד אין „קדימה", האָט אין די לעצטע יאָרן אויפגעהערט צו פאַרפליכטן.

אין לעצטן יאָר האָט אַ גרופּע יוגנטלעכע אָנגעהויבן צו באַזוכן די ביבליאָטעק, אויסבאָרגנדיק ביכער וועלכע זענען זיי נויטיק צו געוויסע שטודיעס. אויך אַ צאָל לעקטאָרן פון די היגע לערן־אַנשטאַלטן געניסן פון דער ביבליאָטעק.

די „קדימה"־ביבליאָטעק פאַרמאָגט אויך אַ גרויסע צאָל ביכער, נישט קאַטאַלאָגירטע. אין באַריכט־יאָר 1976 זענען די ביכער קאַטאַלאָגירט און איינגעשטעלט געוואָרן אויף פּאָליצעס, פיל פון זיי פון אַ היסטאָרישן ווערט. אַ גרויסע אַרבעט שטייט נאָך פאַר דער ביבליאָטעק־קאָמיסיע: דאָס אָפּ־קלייבן און צונויפבינדן די פינף וויכטיקע יידישע זשורנאַלן: „גאָלדענע קייט", „פאָלק און ציון", „אונזער צייט", „צוקונפט" און „סאָוויעטיש היימ־לאַנד".

דער רעמאָנט פון דער ביבליאָטעק־געביידע האָט זיך שוין אָנגעהויבן. עס איז פאָראויסגעזען איינצואָרדענען אַ באַקוועמען און עסטעטישן לייענ־זאַל, ווי אויך צו קאַטאַלאָגירן די ענגלישע און העברעאישע ביכער.

די ביבליאָטעק נויטיקט זיך אין אַ געוויסער צאָל ענגלישע און העב־רעאישע ביכער, וועלכע זענען במשך פון די לעצטע יאָרן דערשינען. די ביבליאָטעק איז אָפן דינסטיק צווישן 7.30 און 9.30 אָוונט, און זונטיק צווישן 11 פרי און 1.00 נאָכמיטאָג. ביבליאָטעקאַר איז פריינד י. קעסלער. פאָרזיצער פון דער ביבליאָטעק־קאָמיסיע איז פריינד וו. יאַבלאָנסקי.

## דאַנק־אויסדרוקן

דער קאָמיטעט דריקט אויס אַ האַרציקן דאַנק און אָנערקענונג די פריינד: י. אָקנאָ לל.ב. און ש. וואָלסקי לל.ב., ערן־אַדוואָקאַטן פון דער „קדימה", פאַר זייער פרייוויליקער און איבערגעגעבענער אַרבעט ביים דערליידיקן די יורי־דישע ענינים פון דער אינסטיטוציע. די „יידישע נייעס" און „דזשואיש ניוס" פאַר אָפּגעבן פּלאַץ פאַר די נאָטיצן און באַריכטן פון דער „קדימה"; דער פרויען־גרופּע ביי דער „קדימה" פאַר אָפּגעבן צייט און מי אויף איינצואָרדענען און פאַרשענערן אונדזערע אונטערנעמונגען.

— דער פאָרזיצער פון דער קולטור־קאָמיסיע ביי דער „קדימה", פריינד יאַשאַ שער, איז באַשטימט געוואָרן דורך דער רעגירונג אַלס פרידנס־ריכטער („דזשיי־פּי").

טיוו באַטייליקט אין דער אַרבעט פון דער טעאַטער־סעקציע. יאַשאַ שער איז געוואָרן באַשטימט ווי איינער פון די עקספּערטן אין דער טעאַטער־סעקציע, ווי אויך אין עקזעקוטיוו פון דער וועלט־קאָנפערענץ.

אינטערעסאַנט צוצוגעבן, אַז די אַלע פאַרשלאָגן און פּראָיעקטן צוגע־שטעלטע פון אונדזער עקזעקוטיוו צו דער קאָנפערענץ, זענען איינשטימיק אָנגענומען געוואָרן. בכלל איז די טעטיקייט פון דוד הערמאַן טעאַטער דער־מאָנט און אַרויסגעהויבן געוואָרן בעת די באַריכטן און דיסקוסיעס אויף דער קאָנפערענץ.

דער טעאַטער־קאָלעקטיוו האָט אָנגעהויבן גרייטן אַ באַנייטע אויפ־פירונג פון דער „הילצערנער שיסל״, מיט רחל האָלצער אין דער הויפּט־ראָל. רעזשי: ש. טיגעל. די פאָרשטעלונג וועט עפענען דעם טעאַטער־סעזאָן 1977.

עס ווערן אויך געפירט פאַרהאַנדלונגען מיטן באַרימטן „הבימה״־אַר־טיסט און רעזשיסער ישראל בעקער וועגן אויפפירן אַ פאָרשטעלונג אין סעזאָן 1977.

מיטגלידער פון טעאַטער נעמען אויך אָן אַקטיוון אַנטייל ביים צונויפ־שטעלן און אויספירן די יידישע ראַדיאָ־שעהן אויף דריי־זעט־זעט און דריי־אי־עי..

דער טעאַטער־קאָמיטעט האָט אין משך פון יאָר אָפּגעהאַלטן אַ גאַנצע ריי זיצונגען און באַראַטונגען, ווי אויך דורכגעפירט פאַמיליע־אָוונטן, באַ־געגענישן און געזעגענונגען מיט גאַסט־אַרטיסטן.

דער קאָמיטעט באַשטייט פון די פריינד: י. האַבערמאַן, ש. טיגעל (סעקרעטאַר), לאה צוקער (וויצע־פאָרזיצער), רחל לעוויטאַ (קאַסיר), צילע מירקין, מ. צעפּראָוו און י. שער (פאָרזיצער).

## די „קדימה״ ביבליאָטעק

די „קדימה״ ביבליאָטעק פאַרמאָגט איבער 4700 ביכער, די פּערל פון דער יידישער ליטעראַטור. אויסער דעם פאַרמאָגט די ביבליאָטעק הונ־דערטער ענגלישע ביכער אויף יידישע טעמעס און אַ קליינע אָפּטיילונג פון העברעאישע ביכער. די ביבליאָטעק פאַרמאָגט אויך אַ רייכע אָפּטיילונג פון יידיש־ענגלישע צייטונגען און זשורנאַלן.

דער „קדימה״־קאָמיטעט קויפט איין פאַר דער ביבליאָטעק יידישע ביכער, וועלכע עס גיבן אַרויס פאַרלאַגן אין ישראל, פאַראייניקטע שטאַטן, קאַנאַדע, פראַנקרייך און לעצטנס רומעניע. אין יאָר 1976 איז איינגעקויפט געוואָרן איבער 100 נייע ביכער, פּאָעזיע און בעלעטריסטיק און אַנדערע.

אין די לעצטע יאָרן האָט זיך די צאָל לייענער נישט געענדערט. די זעלבע הונדערט לייענער זענען דאָס די אָפּנעמער פון דעם געדרוקטן בוך. איבער 2000 ביכער זענען געלייענט געוואָרן דורך דער קליינער גרופּע אין יאָר 1976.

כאַראַקטעריסטיש אַז פיל פון די לייענער זענען נישט קיין מיטגלידער

צוויי מאָל אין וואָך און אין אַלע עפנטלעכע יום־טובים פון 2 נאָכמיטאָג ביז 7 אָונט.

דער שאַך־קלוב ווערט גוט באַזוכט, דורכשניטלעך — 25 שאַכיסטן. מיר האָבן דעם יאָר איינגעאָרדנט צוויי געלונגענע טורנירן אין „לעאָ פינק"־זאַל פון „קדימה". דעם ערשטן מיטן שאַך־קלוב פון ידישן צענטער אין דאַנקאַס־טער, און דעם צווייטן מיט היידעלבערג שאַך־קלוב. ביידע פאַרמעסטונגען זענען געוואונען געוואָרן דורך דעם „קדימה"־שאַך־קלוב.

פאַר דעם יאָר 1977 גרייטן מיר צו עטלעכע פאַרמעסטונגען מיט אַנדערע שאַך־קלובן.

דער שאַך־קלוב געפינט זיך אין דעם שיינעם און באַקוועמען לאָקאַל פון דער „קדימה", וואו ס'הערשט אַ וואַרעמע און פריינטלעכע אַטמאָספער. מיר נעמען אָן נייע מיטגלידער. דער אָפּצאָל איז $7.50 אַ יאָר, פאַר יוגנט און סטודענטן — $2.50

## באַריכט פון דוד הערמאַן טעאַטער

צו עפענען דעם 1976 סעזאָן, האָט דער דוד הערמאַן טעאַטער איינ־געלאַדן איינעם פון די גרעסטע בינע־רעזשיסאָרן, וואָס מיר האָבן היינט צו טאָג — יעקב ראָטבוים פון פוילן.

כדי אָפּצומערקן די דאַטעס פון הונדערט יאָר יידיש טעאַטער און זעכציקסטער יאָרצייט פון שלום־עליכם, איז באַשטימט געוואָרן אויפצופירן שלום־עליכמס „די יורשים" (סענדער בלאַנק"). נאָך דריי חדשים איינ־טענסיווער אַרבעט, איז דעם ענערגישן, אימפּולסיוון גאַסט־רעזשיסאָר יעקב ראָטבוים געלונגען צו באַווייזן דעם יידישן טעאַטער־עולם אין מעלבורן, און אין סידנעי אַ געלונגענע קינסטלערישע פאָרשטעלונג פון אַ גאָר הויכער מדרגה, מיט אַ ברייטן פאַרנעם. די ספּעציעל צוגעגרייטע דעקאָראַציעס און נייע קאָסטיומען, און דער עיקר, דאָס אויסגעצייכנטע שפּילן פון יעדן פון די קרוב צוואַנציק אַנטיילנעמער, האָט געשאַפן אַן אויפפירונג, וואָס איז מיט באַגייסטערונג אויפגענומען געוואָרן פון טעאַטער־עולם, און פון דער פּרעסע, און וואָלט געקאָנט דינען ווי אַ מוסטער־פאָרשטעלונג פאַר אַנדערע טעאַטערן.

„די יורשים" איז געשפּילט געוואָרן 10 מאָל אין מעלבורן (איין טאָג־פאָרשטעלונג פאַר יוגנטלעכע) און איין מאָל אין סידנעי.

יעקב ראָטבוים האָט אויך געגעבן אַ גאַנצע ריי פאָרטראַגן וועגן און אַרום טעאַטער, ווי אויך עטלעכע וואָרט־קאָנצערטן. דער אַלגעמיינער באַזוך אויף די ראָטבוים־אונטערנעמונגען איז געווען קנאַפּע פיר טויזנט מענטשן. אין סך־הכל איז דער באַזוך פון יעקב ראָטבוים געווען אַ גרויסער קינסטלערישער דערפאָלג.

צו דער גרויסער געשעעניש פון רופן אַ וועלט־קאָנפערענץ פאַר יידי־שער קולטור אין ירושלים (סוף אויגוסט 1976) האָט אויך אונדזער טעאַ־טער געגעבן זייןביישטייער. דער דוד הערמאַן טעאַטער איז געווען פאַר־טראָטן מיט צוויי פאָרשטייער: ש. טיגעל און י. שער, וועלכע האָבן זיך אַק־

מיט אַנאַנסן ווי אויך אַבאַנאַמענטן. די צאָל איז אָבער נישט גענוג. כדי דער זשורנאַל זאָל קאָנען עקזיסטירן נויטיקן מיר זיך אין אַ ברייטערער אונטער־שטיצונג אין פאָרם פון באַשטייערונגען און אַנאָנסן.

## באַריכט פון „הזמיר"־כאָר

דאָס יאָר אַרבעט פון כאָר קען באַצייכנט ווערן ווי אַ פּראָדוקטיוו און דערפאָלגרייך יאָר. במשך דעם באַריכט־יאָר איז דער כאָר אויפגעטרעטן אויף דער וואַרשעווער געטאָ־אַקאַדעמיע, און געגעבן צוויי קאָנצערטן — פאַר די מאָנטעפיאָרע און מאָנאַש היימען. אַ גאָר גרויסער דערפאָלג איז געווען דער אויפטריט פון כאָר אויפן „פעלקער פעסטיוואַל" פון געזאַנג און מוזיק.

צום אָפּשלוס פון סעזאָן איז פאָרגעקומען דער יערלעכער קאָנצערט אין „קדימה"־טעאַטער, אונטער דער מוזיקאַלישער דירעקציע פון אַדריאַן באַר־טאַק; ביים קלאַוויר מרים ראַכלין; טשעלאָ — לעאָן סעגאַל. די סאָליסטן פון כאָר זענען במשך פון יאָר אויפגעטרעטן אויף פאַרשידענע יידישע אימפּרע־זעס.

דער ברוך קאַלושינער אָנדענק־קאָמיטעט, וועלכער ווערט טיילוייז סוב־סידירט פון „הזמיר"־כאָר, האָט דורכגעפירט אַ זייער געלונגענעם קאָנקורס פון ליד און מוזיק, אין וועלכן ס'האָבן זיך באַטייליקט אַ סך קינדער און יוגנטלעכע.

דער כאָר אַרבעט רעגולער אונטער דער לייטונג פון יונגן און ענערגישן דיריגענט אַדריאַן באַרטאַק און פּיאַנאָ באַגלייטונג פון בעלאַ ווינער. דער כאָר ציילט אַן ערך 50 מיטגלידער. אין 1977 וועט ווערן 30 יאָר זינט דער אנטשטייאונג פון כאָר. די דאַטע וועט ווערן אָפּגעצייכנט אויף אַ פייערלעכן אופן.

מיר גיבן זיך אָפּ אַ רעכענונג, אַז מיר האָבן פיל צו פאַרדאַנקען דער „קדימה", וועמען עס איז טייער דאָס יידישע ליד און יידישע קולטור. פון דער „קדימה" באַקומען מיר מאַטעריעלע און מאָראַלישע הילף און דאָס דערמעג־לעכט אונדז צו פירן אונדזער אַרבעט דערפאָלגרייך.

מיר רופן אַלע וועמען עס איז טייער יידישע מוזיק צו ווערן מיטגלידער פון „הזמיר"־כאָר און העלפן ציען די גאָלדענע קייט פון אונדזער יידישן געזאַנג און מוזיק־ירושה.

פּראָבן קומען פאָר יעדן דינסטיק, 8 אָוונט אין „קאָמיונאַל האָל" ביי דער טורעק שול. וועגן אינפאָרמאַציע דאַרף מען קלינגען: ח. גאָלדבערג 527-1829 אָדער ס. פעלל 53-1481.

## דער שאַך־קלוב

דער שאַך־קלוב ביי דער „קדימה" ציילט 37 מיטגלידער. אין משך פון באַריכטס־יאָר זענען צוגעקומען 12 נייע מיטגלידער, פון זיי — דריי רוסישע אימיגראַנטן.

דער שאַך־קלוב, וועמענס פאָרזיצער איז פריינד טאָפּיאַל, איז טעטיק

פונקט ווי אין די פאַרגאַנגענע יאָרן, ווען די רעגירונג ווייטער שטיצן און סובסידירן די עטנישע ראַדיאָ־סטאַציעס, פון וועלכע עס גענויסט אויך די יידישע שפּראַך.

## די „מעלבורנער בלעטער"

לאַנגע יאָרן האָט זיך אין אונדזער ישוב געפילט די באַדערפעניש פאַר אַ ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכן זשורנאַל. אין מיטן פון יאָר 1975, נאָך אַ ריי באַראַטונגען און דיסקוסיעס, האָט דער „קדימה"־קאָמיטעט באַשלאָסן צו נעמען די איניציאַטיוו אַרויסצוגעבן אַזאַ זשורנאַל אין צוויי שפּראַכן — יידיש און ענגליש. אַזוי אַרום איז אַנטשטאַנען דער זשורנאַל „מעלבורנער בלעטער" (אין ענגליש: „מעלבורן קראָניקל"). דער יידישער נאָמען שטאַמט פון אַן ענלעכן זשורנאַל, וועלכן דער מעלבורנער שרייבער־פאַראיין האָט אַרויסגעגעבן אין 1953 און 1955 (2 נומערן). דער ערשטער נומער טראָגט די דאַטע — דעצעמבער 1975. דער זיבעטער נומער — פעברואַר 1977.

צו דער רעדאַקציע־קאָלעגיע געהערן: י. אָרבאַך, ס. בורשטין, פ. רינ־געלבלום, י. מ. לעווין און מ. אייזענבוד. אַדמיניסטראַציע: וו. יאַבלאָנסקי.

אַלע אויבן דערמאָנטע פריינד זענען מיטגלידער פון „קדימה"־קאָמיטעט. אין די זיבן נומערן זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן: עסייען, זכרונות וועגן אויסטראַליע, דערציילונגען, לידער, פעליעטאָנען, אַרטיקלען וועגן אַרטיקע און אַלגעמיינע פּראָבלעמען. דער זשורנאַל האָט גענומען שטעלונג צו יידישע פּראָבלעמען אין דער וועלט, ווי: וועלט־קאָנפערענץ פאַר רוסישע יידן, קאָנ־פערענץ פאַר יידיש און יידישער קולטור אין ירושלים, ענטעבע, די רעזאָלו־ציע וועגן ציוניזם אין די פאַראייניקטע פעלקער.

אין די דערשינענע ביז איצט זיבן נומערן האָבן רעגולער מיטגעאַרבעט י. קאַהאַן, ס. בורשטין, י. אָרבאַך, י. מ. לעווין, מ. אייזענבוד. עס האָבן זיך אויך באַטייליקט (נישט רעגולער) י. דינער, דאָריס בורשטין, י. ראָזענבערג, י. טאַוב, פּראָפ. אַ. לערמער, פ. רינגעלבלום, א. זבאַר, פרידאַ ווילענטשיק, י. סאָלוועי, א. זשעלעזניקאָוו, סערגיי רובינשטיין, איזי אוניקאָווסקי, לאה קאַ־מינסקי, מאַרי באַרנס, ש. טאָפּיאַל, א. אייזערנער, וו. יאַבלאָנסקי, יעקב ראָט־בוים, י. גיליגיטש, ראָנאַלד איבעל, ד"ר מ. פערשטענדיק, ד"ר מייטליס, ש. בענעט, ד"ר ע. נאַקס, באָריס שוואַרצשטיין, קובאַ געטלער, רחל בעקער, מאיר זייבל, א. ברייזבלאַט, ישראל בעקער, ה. אשעראָוויטש, ה. באַכראַך, ריטעלעס און י. וואַרשאַווסקי.

די ענגלישע אָפּטיילונג האָט געהאָלפן רעדאַגירן ראָנאַלד אייבעל. אין איר האָבן זיך באַטייליקט (פון מעלבורן): ג. שאַיאַק, ס. ליבערמאַן, אַדעלאַ שאַו, י. סאָלוועי, י. קאַהאַן, ר. איבעל, יהודה סבראַי, קאַרל דולדיג, מ. אייזענ־בוד, מאַלווינאַ מאַלינעק, פּראָפ. וואָהלער, הענרי שאַו, י. מ. לעווין און עריק וועסטברוק.

די אַלגעמיינע צאָל פאַרעפנטלעכטע זייטן (טאָפּל־קאָלום) באַטרעפן: אין יידיש 201 און אין ענגליש 87. עס האָבן זיך וואַרעם אָפּגערופן אַ צאָל פריינד

גראַמען יעדע צוויי וואָכן אויף איין סטאַציע. זינט דעמאָלט האָבן מיר באַקומען צוגעטיילט קרוב צו האַלבע שעה יעדע וואָך אויף צוויי סטאַציעס:

— אויף דריי־זעט־זעט — יעדן מאָנטיק 9.20 אָוונט און דינסטיק 9.20 פרי;

— אויף דריי־אי־עי — יעדן פרייטיק 3 נאָכמיטאָג און זונטיק 10 פרי.

צו דעם דאַרף מען נאָך צוגעבן די ספּעציעלע (שעהדיקע) אוידיציעס געווידמעט באַזונדערע טעמעס, וואָס איז געוואָרן כמעט אַ מאָנאַטלעכע פאַראַנשטאַלטונג. אין משך פון די לעצטע מאָנאַטן זענען אַזעלכע אוידיציעס געגעבן געוואָרן אויף פאָלגנדיקע טעמעס: שלום־עליכם — צו זיין 60־טער יאָרצייט; „איבער פוילישע שטעטלעך"; יידישע שולן אין מעלבורן; באַריכט פון דער וועלט־קאָנפערענץ פאַר יידיש און יידישער קולטור; 100 יאָר יידיש טעאַטער.

עס ווערט איצט געגרייט אַ פּראָגראַם געווידמעט דעם געטאָ־יאָרטאָג, וואָס וועט געגעבן ווערן פרייטיק דעם 14־טן אַפּריל (כ"ז ניסן) און אויך צו מאָרגנס אין דער פרי.

די רעגולערע פּראָגראַמען אויף דריי־אי־עי זענען איינגעשטעלט געוואָרן אין אַ לייכטערן זשאַנער, מיט אַ מער פאַרוויילערישן אינהאַלט. אַ גאַר וואַרעמען אָפּרוף קריגט דער אַזוי גערופענער „קאָנצערט פון גוטע וואונטשן".

דריי־זעט־זעט גיט איבער געוויינלעך נייעס פון יידישן לעבן אין דער וועלט, ווי אויך אינטערוויוען מיט פערזענלעכקייטן וועלכע באַזוכן מעלבורן. עס ווערן אָפּגעמערקט ספּעציעלע דאַטעס פון יידישע שרייבער און דיכטער. אַזוי, למשל, זענען געווען פּראָגראַמען געווידמעט מלך ראַוויטש, מרדכי געבירטיק, מענדל מאַן, אברהם רייזען, פּנחס גאָלדהאַר, יהושע ראַפּאַפּאָרט, יצחק קאַהאַן, צום דערשיינען פון זיין בוך.

אַ וויכטיקער באַשטאַנד־טייל פון די פּראָגראַמען איז יידישע מוזיק און נגינה. ביז היינט האָבן מיר זיך באַנוצט מיט פּליטעס אויסגעבאָרגטע פון פריינד, אבער די פּריוואַטע קאָלעקציעס זענען זייער באַגרענעצט. פריינד וועלכע האָבן פּליטעס און קענען זיי אויסבאָרגן אויף אַ טאָג, וועלן זייער בייהילפיק זיין אין דעם ווייטערדיקן פירן די פּראָגראַמען.

מיר האָבן צוגעצויגן פאַרשידענע אָרטיקע קינסטלערס — זינגערס און רעציטאַטאָרן — אָנטייל צו נעמען אין די פּראָגראַמען. דאָס באַרייכערט די אוידיציעס און גלייכצייטיק גיט עס אַ סטימול צו זיין טעטיק אויף די דערמאָנטע געביטן.

בכלל איז דער אינטערעס און אָפּרוף פון עולם אַ גרויסער און דערמוטנדיקער. מיר דערגרייכן דורך דעם ראַדיאָ אין פיל יידישע היימען, וועלכע זענען פריער געווען אין גאַנצן אָפּגעפרעמדט פון יידישן וואָרט און ליד. מיר דערגרייכן מיט די יידישע נייעס און קולטור־ליטעראַרישע פּראָגראַמען צו מענטשן פאַר וועלכע דאָס איז דער איינציקער קאָנטאַקט מיט די דאָזיקע געביטן.

מיט די ראַדיאָ־פּראָגראַמען פירן אָן יאַשאַ שער און פּיניע רינגעלבלום, וועלכער איז אויך קאָאָרדינאַטאָר פון דריי־אי־עי. עס איז צו האָפן, אַז

קאָמיטעט אַנגאַזשירט זיך אין אַקטיווער אַרבעט כדי בייהילפיק צו זיין ביים אָרגאַניזירן די מעלבורנער רעפּרעזענטאַנץ צו דער קאָנפערענץ. די „קדימה" איז געווען די איניציאַטאָרין און געגעבן דעם לאָקאַל פאַר דעם אויסגעברייטערטן געזעלשאַפטלעכן קאָמיטעט, אין וועלכן עס האָבן זיך באַטייליקט: דער קאָמיטעט פאַר יידישער קולטור (אַנגעשלאָסן אין ישראלדיקן), די יידישע שולן א"ב פון י. ל. פּרץ און שלום עליכם, דער דוד הערמאַן טעאַטער, די ציוניסטישע פעדעראַציע, דער פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן, די פעדעראַציע פון לאַנדסמאַנשאַפטן, דער קאַצעטלער פאַרבאַנד, „בונד" און „צוקונפט" און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס.

די „קדימה" איז געווען פאַרטראָטן אויף דער קאָנפערענץ מיט פיר דעלעגאַטן און צוויי פאַרטרעטערס. פריינד יאשאַ שער, דער פאָרזיצער פון דוד הערמאַן טעאַטער, איז געווען אַ מיטגליד אין פּרעזידיום פון דער קאָנפערענץ, און פריינד באָנע ווינער האָט אָפּגעגעבן דעם באַריכט אין נאָמען פון דער אויסטראַלישער דעלעגאַציע, וועלכע איז באַשטאַנען פון 15 פערזאָן.

נאָכן צוריקקומען פון די דעלעגאַטן איז פאָרגעקומען אַ קלבת־פּנים אויף וועלכער די דעלעגאַטן האָבן אָפּגעגעבן אַ באַריכט וועגן דער פילזייטיקער אַרבעטן פון דער קאָנפערענץ און אירע קאָמיסיעס.

פון די באַריכטן איז קלאָרער געוואָרן דער מהות פון דער קאָנפערענץ און די וויטגייענדיקע איינפלוסן וואָס די רעאַליזאַציע פון די אָנגענומענע באַשלוסן קען האָבן, בפרט פאַר די קלענערע ישובים אין די תפוצות.

עס איז פאַר אונדז אויך קלאָר געוואָרן, אַז שאַצנדיק לויט די באַריכטן — און פאַרגלייכן וועלכע מען קען מאַכן אויף דעם סמך — איז דער מעלבורנער יידישער ישוב איינער פון די אַקטיווסטע צווישן די קליינע ישובים אין דער וועלט אויפן געביט פון קולטור־געזעלשאַפטלעכער און דערציערישער טעטיקייט.

אָן שום ספק, האָט די „קדימה", אין משך פון אירע 65 יאָר עקזיסטענץ, בייגעטראָגן אַ גרויסן חלק צו דעם דאָזיקן מצב.

מיר האַלטן אָן אַ כסדרדיקן קאָנטאַקט מיטן וועלט־ביוראָ פאַר יידישער קולטור אין ישראל, וואָס איז היינט דער אויספיר־אָרגאַן פון דער קאָנפערענץ. מיר האָבן אָנגעמאָלדן אונדזער הסכם צו זיין דירעקט באַטייליקט אין דעם פּלענום.

## יידיש־פּראָגראַמען אין ראַדיאָ

זינט דעם קליינעם אָנהויב מיט וועלכע 18 מאָנאַטן צוריק, איז דער דאָזיקער צווייג פון אונדזער טעטיקייט שטאַרק פאַנאַנדערגעוואַקסן זיך.

מיר שאַצן אָפּ די וויכטיקע באַדייטונג און גרויסע מעגלעכקייטן, וואָס די מאָדערנע קאָמוניקאַציע־מעגלעכקייטן גיבן. פיל צייט און מי ווערט אַוועקגעגעבן אויף צו אַנטוויקלען, פאַרבעסערן און באַרייכערן דעם דאָזיקן געביט.

אין אויגוסט 1975 האָבן מיר אָנגעהויבן מיט אַן ערך 15 מינוט פּראָ־

אַרויס פון די באַזונדערע באַריכטן, האָט יעדע פון די אָפּטיילן אינטענסיוו געאַרבעט און האָט אָפּצוצייכענען געוויסע דערפּאָלגן.

ספּעציעל איז אָבער כדאי זיך אָפּצושטעלן אויף דעם זשורנאַל

## „מעלבורנער בלעטער"

וועלכער האָט אָנגעהויבן דערשיינען סוף 1975 און דערשיינט זינט דאַן רעגו־לער יעדע צוויי חדשים. די נויטיקייט פון אַזאַ זשורנאַל פאַר יידיש מעלבורן איז שוין זינט יאָרן בלי יעדן ספק. די פראַגע איז געווען צי מיר וועלן קענען עס דערגרייכן הן אין ליטעראַרישן זין, הן צוליב די גרויסע פינאַנסיעלע קאָסטן מיט וועלכע אַזאַ פּראָיעקט איז פאַרבונדן. טראָץ די אַלע שוועריקייטן איז אונדז דאָך געלונגען אַרויסצוגעבן דעם זשורנאַל רעגולער.

לויט דער אָפּשאַצונג פון לייענער סיי אין אויסטראַליע, סיי אין אויס־לאַנד, שטייט דער זשורנאַל „מעלבורנער בלעטער" אויף אַ הויכן ליטעראַריש־זשורנאַליסטישן ניוואָ.

עס דאַרף דאָ מיט לויב דערמאָנט ווערן די מיטאַרבעט פון דעם עקזעקו־טיוו־דירעקטאָר פון וויקטאָריער „באָרד אָף דעפּיוטיס". מר. ראָנאַלד אָבעל, וועלכער האָט פּריווילעגיק גענומען אויף זיך דאָס רעדאַגירן דעם ענגלישן טייל פון זשורנאַל און האָט אַ סך געלייסטעט אויף דעם געביט. עס איז צו האָפן, אַז אויך דער טייל וועט זיך ווייטער אַנטוויקלען.

## נייע אימיגראַנטן פון סאָוויעט־רוסלאַנד

טראָץ געוויסע באַמיאונגען, איז דעם קאָמיטעט נישט געלונגען צו אָר־גאַניזירן די דאָזיקע גרופּן אין און אַרום דער „קדימה". נישט דאָ איז דאָס אָרט און נישט איצט איז די צייט צו אַנאַליזירן די סיבות.

דאָך ווערן געמאַכט ווייטערדיקע פּרוּוון אין דער דאָזיקער ריכטונג. אין פעברואַר היי־יאָר איז פאָרגעקומען אין „קדימה" אַ גרעסערער צוזאַמענטרעף פון רוסישע אימיגראַנטן אויף וועלכן עס איז אַרויסגעטרעטן אונדזער פּרעזי־דענט פריינד ש. גאָלדשטיין.

מיר האָבן אָרגאַניזירט פאַר די אימיגראַנטן אַ פילם־נאָכמיטאָג און פאַר־זיכערט זיי אין יעדער מיטהילף ביים אָרגאַניזירן אַן אויטאָנאָמע גרופּע.

עס וועט זיין איינע פון די אויפגאַבן פון נייעם קאָמיטעט אָנצוהאַלטן דעם קאָנטאַקט מיט די דאָזיקע גרופּן.

## די וועלט־קאָנפערענץ פאַר יידיש און יידישער קולטור

וועלכע איז פאָרגעקומען אין ירושלים סוף אויגוסט 1976, איז געווען איינע פון די וויכטיקסטע געשעענישן אין דער יידישער קולטור־וועלט אין דער לעצטער צייט.

אָפּשאַצנדיק די וויכטיקייט פון דער קאָנפערענץ, האָט דער „קדימה"־

ווי איינע פון די וויכטיקסטע מיטלען אין קאַמף קעגן אַסימילאַציע, ווי אויך אַלס גרויסן אוצר פון אונדזער נאַציאָנאַלער קולטור־ירושה.

פריינד נאָקס האָט באַזוכט אויסטראַליע אַלס גאַסט־לעקטאָר מיט 13 יאָר צוריק און פונקט ווי דעמאָלט האָט ער אויך אין דער לעצטער סעריע לעקציעס אינספּירירט זיינע צוהערער צו פאַרטיפן זיך אין מהות פון יידישקייט, אין די נאַציאָנאַל־געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען פון אונדזער אַרום.

צווישן אַנדערע אויסלענדישע געסט דאַרף מען דערמאָנען:

— יצחק קאָרן, דעם פּאָרזיצער און אָרגאַניזאַטאָר פון דער וועלט־קאָנפערענץ פאַר יידיש און יידישער קולטור, וועלכער האָט געהאַלטן אַ רעפעראַט אין „קדימה" אויף דער דאָזיקער טעמע;

— חיים לאַזאַר, דעם געוועזענעם ווילנער געטאָ־קעמפער און פּאַרטיזאַן, וועלכער איז אַרויסגעטרעטן אויף דער אַלגעמיינער געטאָ־אַקאַדעמיע ווי אויך מיט אַ רעפעראַט אין „קדימה";

— הרב דוד האָלענדער פון אַמעריקע, וועלכער איז געווען דער ערשטער ייד פון דער מערב־וועלט צו באַזוכן די יידישע ישובים אין ראַטן־פאַרבאַנד אין 1956 — און זינט דעמאָלט איז ער שוין דאָרט געווען זיבן מאָל — האָט זיך אין אַ רעפעראַט געטיילט מיט זיינע איינדרוקן וועגן „יידן און יידישקייט אין רוסלאַנד".

— דער לעצטער אין דעם באַריכט־יאָר גאָר אָנגעלייגטער גאַסט איז דער וועלט־באַרימטער סאָוויעטיש־יידישער זינגער מישאַ אַלעקסאַנדראָוויטש. זיין ערשטער קאָנצערט אין מעלבורנער טאַון־האָל האָט צוגעצויגן אַ גרויסן עולם פאַרערערס און ליבהאָבערס פון יידישן ליד און איז אַן אָנזאָג אויף וויטערדיקע דערפאָלגרייכע אַרויסטריטן.

---

די אַלגעמיינע צאָל אונטערנעמונגען אינעם באַריכט־יאָר איז געווען 65.

היות די צאָל אונטערנעמונגען מיט אויסלענדישע געסט איז דאָס יאָר געווען אַ גאָר גרויסע, איז במילא געבליבן וויניק צייט פאַר אונטערנעמונגען מיט אונדזערע לאָקאַלע כוחות. איינע פון די דאַרף דאָך דערמאָנט ווערן — סיי צוליבן אינהאַלט, סיי צוליב די אָנטיילנעמערס: דאָס איז געווען דער אָפּענער פאָרום אויף וועלכן דער חשובער רב חיים גוטניק האָט גערעדט וועגן „רעליגיעזע אויפפאַסונגען אין מאָדערנעם לעבן"; דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע אין אויסטראַליע פריינד יהודה סבורא האָט גערעדט אד"ט: „מדינת־ישראל — אימאַזש אוןווירקלעכקייט"; דער יונגער זשורנאַליסט משה גאַוואָנדאַ — „אַ יונגער בליק אויף אַסימילאַציע"; ד"ר מ. פערשטענדיק — אויף דער אַקטועלער טעמע „אין קעסל פון דער אַמעריקאַנער אויסערן־פּאָליטיק".

דער אָפּענער פאָרום האָט אַרויסגערופן אַ גרויסן אינטערעס ביים עולם. אַזעלכע אָוונטן פון פאַרשידנאַרטיקער טעמאַטיק דאַרפן פאָרקומען וואָס אָפטער.

ביי דער „קדימה" זענען, ווי אין די פריערדיקע יאָרן, געווען טעטיק דער „הזמיר"־כאָר, די שאַך־סעקציע און די ביבליאָטעק. ווי עס דרינגט

# באַריכט פאַרן 65־טן טעטיקייטס־יאָר

דער עקזעקוטיוו און קאָמיטעט פון יידישן קולטור־צענטער און נאַציאָ־נאַלע ביבליאָטעק „קדימה" קומען צו דער היינטיקער יערלעכער באַריכטס־פאַרזאַמלונג מיט אַ ריי נייע אויפטוען און דערגרייכונגען אויף פאַרשידענע געביטן פון אונדזער טעטיקייט.

דער באַריכטס־פעריאָד — פון מערץ 1976 — איז געווען אַ יאָר פון פאַרשטאַרקטער קולטור־אַקטיוויטעט. דער דוד הערמאַן־טעאַטער האָט זיך פאַרמאָסטן אויף אַ גרויסן אויפטו מיטן אַראָפּברענגען דעם באַקאַנטן רעזשי־סער און קינסטלער יעקב ראָטבוים פון וואַרשע. די דאָזיקע געוואַגטע אונ־טערנעמונג, דורכגעפירט צוזאַמען מיט דעם „קדימה"־קאָמיטעט, איז אַדורך מיט גרויס דערפאָלג.

## אויסלענדישע געסט

יעקב ראָטבוים, וועלכער איז אַ גרויסער טעאַטראַל, איז אויך אַ גוטער לעקטאָר און אָריגינעלער מאָלער. אין משך פון זיין 5־חדשימדיקן אויפהאַלט אין מעלבורן האָט ער געגעבן דריי וואָרט־קאָנצערטן, דריי רעפעראַטן און אויך געהאַט אַ גרויסע בילדער־אויסשטעלונג אין „קדימה". פיל בילדער זענען פאַרקויפט געוואָרן. אויך די „קדימה" איז באַרייכערט געוואָרן מיט אַ בילדער־סעריע — „מאַסקעס פון יידישן טעאַטער".

ראָטבוים האָט אַליין באַאַרבעט שלום־עליכמס ראָמאַן „סענדער בלאַנק און זיין געזינדל" און געשטעלט עס מיטן דוד הערמאַן־טעאַטער אונטערן נאָמען „די יורשים". די אויפפירונג האָט זייער שטאַרק אויסגענומען ביי די היגע טעאַטער־באַזוכער און איז געשפילט געוואָרן צען מאָל אין מעלבורן.

אויף דער איינלאַדונג פון סידנעיער יידישן פאָלקס־צענטער איז דער טעאַטער־אַנסאַמבל געוואָרן קיין סידנעי און אויך דאָרט געשפילט פאַר דעם דאָרטיקן יידישן עולם.

לויט דער טראַדיציע פון די פאַרגאַנגענע יאָרן האָט די „קדימה" אויך אין דעם באַריכט־יאָר געהאַט אַ גאַסט־לעקטאָר אין דער פערזאָן פון פראָפ. עזריאל נאַקס פון ניו־יאָרק, וועלכער האָט דאָ געווילט איבער זעקס וואָכן און אין דער צייט געהאַלטן 11 לעקציעס אויף פאַרשידענע קולטור־געזעל־שאַפטלעכע און ליטעראַרישע טעמעס (איינצלהייטן — אין דער רשימה פון אונטערנעמונגען).

פראָפ. נאַקס איז אויך אַרויסגעטרעטן אין אַ ריי יידישע אינסטיטוציעס: וויצ"אָ־אָרגאַניזאַציעס, די „וויי", סטודענטן־גרופן, אין דער י. ל. פרץ־שול און אויך אין יידישן ראַדיאָ־פּראָגראַם.

אַ גרויסן רושם האָט געמאַכט זיין אַרויסטריט אין וויקטאָריער „באָרד אָף דעפּיוטיס" — דעם ראַט פון יידישע פאָרשטייערס, וואָס איז געוויינלעך פאַסיוו־נעגאַטיוו איינגעשטעלט לגבי יידיש און יידישער קולטור־טעטיקייט. פראָפ. נאַקס האָט אין זיין קורצן אַרויסטריט באַוויזן אָנצורעגן די האַלב־אַסימילירטע יידן צו רעספּעקטירן און שאַצן די יידישע שפּראַך און קולטור,

מערץ 1977

---

צוליב די הויכע פּאָסטן־קאָסטן וועלן קבלות פֿאַר מיטגליד־אָפּצאָל

נישט אַרויסגעשיקט ווערן

# יידישער קולטור־צענטער
# און נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק „קדימה"
# אין מעלבורן

---

אַמטן אין יאָר 1976

מר. ש. גאָלדשטיין — פּרעזידענט.

מר. ס. בורשטין — געוועזענער פּרעזידענט.

מר. י. אָרבאַך — וויצע־פּרעזידענט.

מר. י. מ. לעווין — וויצע־פּרעזידענט.

מר. פּ. קרישטאַל — ערן־קאַסירער.

מרס. ה. ראָזענבוים — געהילף פון ערן־קאַסירער.

מר. פּ. רינגעלבלום — ערן־סעקרעטאַר און פאָרזיצער פון דער ראַדיאָ־קאָמיסיע

מר. י. שער — פאָרזיצער פון דער קולטור־קאָמיסיע.

מר. מ. אייזענבוד — פאָרזיצער פון רעדאַקציע־קאָלעגיע

מר. וו. יאַבלאָנסקי — פאָרזיצער פון דער ביבליאָטעק־קאָמיסיע

| | |
|---|---|
| מרס. ה. באַכראַך | מרס. ר. לעוויטאַ |
| מר. ה. בראַון | מר. ב. ווינער |
| מרס. ר. בוט | מר. מ. טאָפּיאָל |
| מרס. ל. גאָטליב | מר. י. גלאַנץ |
| מר. צ. באָרענשטיין | מר. ש. וואָלסקי |
| מר. מ. ראַבינאָוויטש | מר. מ. זאַבלוד |

ערן־אַדוואָקאַטן: מר. י. אָקנאַ, לל.ב.; מר. ש. וואָלסקי, לל.ב.

סעקרעטאַרן: מרס. פּ. ווילענסקי (ביז אַפּריל 1976).
מרס. ל. גאָטליב־פּיטערס (ביז יולי 1976).
מרס. י. וואַרשאַווסקי (פון אויגוסט 1976)

פאַרוואַלטער — ש. טיגעל

ביבליאָטעקאַר — מר. י. קעסלער

# יידישער קולטור - צענטער
# און נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק
# „קדימה"

גערגרינדעט דעם 26־טן דעצעמבער, 1911.

9 גאָרדאָן סטריט, עלסטערנוויק
7 סעלווין סטריט, עלסטערנוויק




## 65־טער טעטיקייט־באַריכט

### פאַרן יאָר 1976

און

## קאַסע־באַריכט

פאַר דער צייט

פון 1־טן סעפּטעמבער 1975 ביזן 31־טן אויגוסט 1976

---


מעלבורן, אויסטראַליע — מערץ 1977